# הילולא דצדיקיא

פרשת נשא – שנה יב גליון 36 (503)

לעילוי נשמת אבי מורי ר' שמואל בן ר' משה ע"ה, י"ב חשון תשפ"ה

ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואד יצ"ו – כתה ד'

לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 0652 678 347, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com

**הבהרה:** מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די 'גאנצע' גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז נישט ערלויבט צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. אויך איז נישט ערלויבט צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקען מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).


## הרב הגאון ר' חיים בן ר' יצחק זי"ע, מגדולי תלמידי הגר"א, ראש שלשלת בריסק, י"ד סיון תקפ"א

**געבוירען:** ז' סיון תק"ט (דער טאג וואס מען האט פארברענט אויף קידוש השם דער באקאנטע גר צדק פון ווילנא) אין שטאט וואלאזין צו זיין טאטע ר' יצחק און צו זיין מאמע מרת רבקה בת ר' שמחה הכהן רפפורט. **אוועק:** י"ד סיון תקפ"א. **ברידער'ס:** ר' נחמן, ר' שמחה, ר' חיים, ר' יוסף, ר' שלמה זלמן. **קינדער:** 1) מרת רלקה אשת 1: ר' יוסף סלאווייציק 2: דערנאך מיט ר' משה כהן שפירא. 2) מרת חמא אשת ר' מרדכי קמינצקי, 3) ר' יוסף פון שרשוב, 4) ר' יצחק, 5) מרת אסתר אשת ר' הלל פריד. **זיינע ספרים:** 'שאלות ותשובות חוט המשולש', 'נפש החיים', 'רוח חיים על אבות', 'הקדמה לספרא דצניעותא', 'הגהות על ספר שנות אליהו'. **תלמיד:** פון זיין ברידער ר' שמחה, ר' ארי' לייב בעל 'שאגת ארי', ר' רפאל המבורגר, א תלמיד מובהק פון ר' אליהו מווילנא – ווילנא גאון. **געווען:** געווען רב אין וואלוזין דערנאך רב אין ווילקומיר דערנאך צוריק צו וואלאזין ווי ער האט אוועק געשטעלט די גרויסע און באקאנטע ישיבה אין וואלאזין ווי עס זענען ארויס פון דארט טויזענטער תלמידים.**ליגט:** אין וואלאזין ווי ער האט אוועק געשטעלט זיין ישיבה. **שלשלת וואלאזין - בריסק:** ר' חיים מוואלאזין, זיין איידעם ר' יוסף סלאווייציק פון בריסק, ר' יצחק זאב פון קובנא, ר' יוסף דוב הלוי (בעל 'בית הלוי'), ר' חיים פון בריסק, ר' יצחק זאב (הגרי"ז).

### נישט געמאכט גערודער

**ר' יצחק** דער טאטע פון ר' חיים פון וואלאזין האט געהאט אינדערהיים זייער אסאך ספרים, און אזוי ווי אין יענע צייטען איז געווען זייער שווער און טייער צו קויפען ספרים, דערפאר פלעגען אסאך גדולים קומען צו זיין טאטע אינדערהיים קוקען אין די ספרים און דארטן לערנען. איינמאל איז דארט געווען דער גאון ר' ארי' לייב דער בעל 'שאגת ארי'' און געלערנט, און פונקט דעמאלסט האט דער מאמע געדארפט געבוירען א קינד, און וויבאלד דער גאון האט געהאלטען אינמיטען לערנען, האט זי זיך איינגעהאלטען פון מאכען א גערודער ביים געבוירען, כדי נישט צו שטערן דער גאון פון לערנען. ווען דער שאגת ארי' איז דערפון געוואר געווארען האט ער געזאגט אז דאס קינד וואס איז יעצט געבוירען וועט אויס וואקסען א גאון וואס זיין קול תורה וועט געהערט ווערען אין אלע גאסען, אין די זכות וואס זי האט נישט געשריגען.

### פארשטאנען די שאלה

**חוץ** פון זיין גרויסע גאונות און לערנען ווי די גדולים און זיין דור האבען עס באוואונדערט, איז ער אויך געווען א גרויסע חכם און בעל חסד. איינמאל איז געקומען צו איהם א יוד פרעגען צו ער קען יוצא זיין די ד' כוסות פסח ביינאכט מיט מילך אנשטאט וויין? ווי ער הערט דאס געהערט, האט דער ר' איהם געגעבן אסאך געלט פאר יום טוב, און ער האט מסביר געווען אז אויב דער יוד פרעגט אזא שאלה, מיינט דאס אז ער האט גארנישט אויף יום טוב אפילו נישט קיין פלייש, מצות און קיין קליידער פאר זיין משפחה.

### זיין הייליגע ישיבה מיט מסירות נפש

**אין** יאר תקס"ג האט ער מיט זיין אייגענע כח אויף געשטעלט א ישיבה אין וואלאזין מיט שטארקע מסירות נפש, און ער האט שטארק געזארגט פאר די בחורים וואס לערנען דארט. זיין ישיבה איז גאר שטארק באוויסט געווען אויף דער וועלט אז דארטען וואקסט מען גרויסע גאונים, און דארט איז געווען די יסוד פון די גדולי ליטא. און ביז צום היינטיגען טאג רעדט מען נאך פון זיין באקאנטע ישיבה. ווען ער איז אוועק האט זיין זוהן ר' יצחק ווייטער געפירט מיט די ישיבה.

**ער** האט זיך אזוי שטארק געזארגט אויף די בחורים פון ישיבה, און אמאל האט ער באשטעלט גרויסע שטיוועל וואס פויערן גייען, און צו א יעדעם'ס וואונדער פארוואס ער דארף עס האט מען באמערקט ווי דער נעקסטע טאג איז ער ארויס אויף דער גאס קערען דער שניי וואס איז געווען הויעך און גליטשיג, זאגענדיג אז ער וויל צוגרייטען א וועג אז די בחורים זאלען קענען גיין לערנען אין ישיבה אהן קיין שום שטער אדער סכנה.

**ער** האט בשום אופן נישט געוואלט אוועק פארען פון זיין ישיבה אין די שטאט וואלאזין אפילו ווען מען האט איהם אנגעטראגען בעסערע פלעצער צו זיין רב, צוליב די מסירות נפש וואס ער האט געהאט צו בויען די ישיבה, וואס דאס האט איהר שטענדיג באגלייט.

### א מתנה פון הימעל

**דער** כח פון די דורות לבית בריסק וואס ציהט זיך אויף דורות ביז היינט מיט א שטארקע פארנעם, קומט פון די קומעדיגע מעשה:

**עס** איז געווען א יוד מיט דער נאמען ר' משה סלאוויציק וואס איז געווען א גרויסע עושר דורך זיינע גרויסע געשעפטען וואס ער האט געפירט. דער ר' משה פלעגט טיילען גאר אסאך צדקה, און געבען פאר וועמען מען האט נאר געדארפט. אבער אזוי ווי דער אייבישטער פירט דער וועלט, איז ר' משה געווארען א גרויסע יורד לא עלינו, איז זיך צוזאם געקומען א גרויסע אסיפה אין וואלאזין צו וויסען פארוואס דאס איז געשען, און מען האט נישט געקענט קומען צו קיין הסבר ווייל ער האט דאך געטיילט אזויפיל צדקה, איז מען געקומען צו א באשליס, אז דאס איז ווייל די חכמים זאגען אז א מענטש זאל געבען צדקה ביז א פיפטל פון זיין פארמעגען, און דער ר' משה האט געטיילט אסאך מער.

דער הסבר האט דער גאון ר' חיים נישט אנגענומען אז דערפאר זאל ר' משה אזוי באשטראפט ווערן צוליב געבען צופיל צדקה, האט מען טאקע נישט געוואוסט פארוואס.

**דער** ר' משה וואס זיינע געשעפטן זענען שוין נישט געגאנגען, האט זיך געזעצט און בית המדרש לערנען מיט גרויס התמדה, ער צוזאמען מיט זיינע קינדער, און ער איז טאקע אויפגעוואקסען גאר גרויס, און זיינע קינדער זענען געוואקסען גאר גרויסע תלמידי חכמים. דעמאלסט האט דער גאון ר' חיים געזאגט אז ער פארשטייט שוין פארוואס מען האט אוועק גענומען די פארמעגען פון ר' משה, ווייל מען האט איהם געוואלט געבען א מתנה פון הימעל צו אויפשטעלן דורות פון תורה, און אזוי האט ער זיך געזעצט מיט די קינדער לערנען, וואס פון איהם ציהט זיך טאקע די דורות לבית בריסק.

**טאקע** יארען שפעטער האט דער גאון ר' חיים גענומען ר' יוסף סלאוויציק וואס איז דער זוהן פון ר' משה, פאר אן איידעם צו זיין טאכטער רלקה.

### דער קוה

**דער** גאון ר' חיים האט נאך זיין חתונה באקומען פון זיין שווער א קוה צו קענען ציען דערפון פרנסה, דורך דעם וואס מען וועט מעלקען די קוה און מאכען דערמיט קעז מיט מילעך, וועט מען האבען וואס צו עסען און אזוי אויך פארקויפען.

**איינמאל** בשעת ר' חיים איז געזעסען און געלערנט זיין שיעור, איז אריין אין בית המדרש אן ארבעטארע אין געוויינט אז זיין פרנסה קומט פון פארקויפען מילך אין קעז, און זיין קוה איז איהם אפגעשטארבען און ער ווייסט נישט פון ווי ער וועט לעבען. דער גאון הערענדיג דאס, האט גלייך געזאגט גיי צו מיר אין שטוב, דארט ליגט אין הויף א קוה קענסט עס נעמען. דער יוד האט טאקע אזוי געטוהן און עס גענומען.

**שפעטער** ווען ר' חיים'ס משפחה האט געזען אז די קוה איז נישט דא האט איינער געזאגט אז ער האט געזען יענער מענטש נעמען די קוה, ווען מען האט איהם גערופען פרעגען פארוואס ער האט עס געגנבט? האט ער געזאגט 'ר' חיים האט מיר עס געגעבען'.

**מען** האט פרובירט עס צוריק צו בעטען פון דער מענטש אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט צוריק געבען נאר אויב מען באצאלט איהם דערפאר, און אפילו דעמאלסט האט עס ר' חיים נישט געוואלט צוריק נעמען, נאר ווייל זיין שווער האט איהם געזאגט 'איך האב דיר נישט געגעבען די קוה עס זאל זיין דיינס, איך האב דיר עס נאר געגעבען צו מאכען מילך און האבען פרנסה' האט ר' חיים עס געמוזט צוריק נעמען.

### א שליח פון הימל

**איין** נאכט איז דער גאון ר' חיים געזעצן און געלערנט מיט גרויס התמדה איינגעבויגן צום גמרא, ביז עס איז איהם פארענטפערט געווארן אלע שוועריקייט האט ער באמערקט אז די זייגער ווייזט שוין אויף דריי ביינאכט, און א גרויסע דארשט האט איהם געכאפט און ער האט זייער שטארק געוואלט נעמען א גלעזל וואסער צו טרינקען, אבער ער זיך אינטערגענומען נישט צו מאכן א ברכה ברכת הנהנין אויב עס איז נישט דא ווער עס זאל ענטפערן א-מ-ן, און דא שלאפען שוין אלע מענטשן אינדערהיים און וואס קען ער יעצט טאן. עס איז אריבער אפאר מינוט און איינער קלאפט ביים טיהר, ער גייט צו און ער זעהט זיין באליבטער תלמיד אליעזר שטייט דארט, האט איהם ר' חיים געפרעגט וואס איז געשעהן אז ער קומט אזוי שפעט? פרעגט דער תלמיד פאר ר' חיים מיט גרויס שרעק צו ער האט איינעם אויפגעוועקט, און ער זאגט אז ער האט א קשיא אין א סוגיא צו פרעגן. ר' חיים האט איהם געזאגט אז קודם וויל ער נעמען א גלעזל מיט וואסער און אליעזר האט געענטפערט א-מ-ן, דערנאך האט ר' חיים געהערט די קשיא און איהם געענטפערט אויף די קשיא און שטארק באדאנקט פאר קומען פרעגן די קשיא, און אויך זיך פון זיין תלמיד אליעזר

געזעגנט ביז צומארגנס. צומארגנס נאכן דאווענען ווען ער האט געטראפן זיין תלמיד אליעזר, איז ער צו איהם געגאנגען און ער האט נאך אמאל שטארק באדאנקט אז דורך איהם האט ער געקענט טרינקען ווייל עס איז געווען ווער זאל זאגן א-מ-ן, אבער זיין תלמיד אליעזר פארשטייט נישט פון וואס זיין רבי רעדט, איך בין נישט נעכטן געווען ביים רבי'ן אינדערהיים! זאגט ער, און ר' חיים הייבט זיך אן שטארק צו וואונדערן וואס איז דא פארגעקומען ביינאכט, אז גאר נישט זיין תלמיד איז געקומען, נאר גאר איינער וואס האט נאר אויסגעזעהן ווי אליעזר איז געקומען בשליחות פון הימל צו ענטפערן א-מ-ן נאכן ברכה.

## די גאלדענע זייגער

ר' חיים פון וואלאזין איז אמאל געזעצן מיט די תלמידים אין בית המדרש, ווי ער האט ארום גערעדט אמונה אין השי"ת. אינמיטן שמועס פרעגט ער פון די תלמידים ווער עס האט א זייגער ביי זיך? קיינער פון די בחורים האבן אבער נישט געהאט קיין זיגער ווייל פאר א בחור אין יענער ישיבה, איז א זייגער געווען אן איבריגע זאך ווייל ווען מען איז געווען הינגעריג האט מען געגעסן, ווען מען איז געווען מיד איז מען געגאנגען שלאפן, און די איבריגע צייט האט מען די גאנצע צייט נאר געלערנט אהן וויסען די זייגער.

האט ר' חיים זיך אנגערופען און געזאגט 'ווען מיר וואלטן געהאט אמונה שלמה, וואלט מען פון הימל אונז אהער געשיקט אפילו א גאלדענע זייגער. עס איז אריבער א שטיקל צייט עס קומט אריין א סאלדאט פון די מיליטער און די בחורים האבן זיך שטארק געוואונדערט וואס האט דא אהער געברענגט א סאלדאט?

דער סאלדאט קומט צו ר' חיים, און זאגט איהם איך בין א איד, מען האט מיר געוואלט נעמען אין מיליטער, אבער מיין טאטע האט געגעבן געלד פאר עפעס א מענטש ער זאל אויסארבייטן אז איך זאל נישט דארפן גיין אין מיליטער, דערווייל אבער האט יענער מענטש אונז אויסגענארט און גארנישט געטוהן און איך בין יא געווארן אנגענומען צו דינען אין מילטער, ווי איך דריי מיר ליידער צווישן פראסטע גוים.

אזוי ווי איך האב ביי מיך זייער א טייערע גאלדענע זייגער, און איך האב מורא אז די גוים אין מיליטער ווערלן דאס פון מיר צונעמען, איז אזוי ווי היינט האב איך געהאט א מעגליכקייט ארויס צו גיין פאר אביסעל פון די מיליטער, בין איך אריבער געקומען צום גאון מיט די זייגער צו בעטן אויב ער קען אכטונג געבן אויף דעם אז ער זאל אויף דעם היטן. זאגט איהם ר' חיים 'ביי מיר אינדערהיים איז דא זייער אסאך מענטשן און עס קען פארלוירן ווערן און איך קען דערויף נישט אכטונג געבען! זאגט דער סאלדאט געזאגט 'אויב אזוי געב איך עס במתנה פאר דער גאון בעסער ווי גוים זאלן עס צונעמען פון מיר'. זאגט ר' חיים 'איך דארף ביי דיר נישט קיין מתנות'. דער סאלדאט האט עס אבער דארט איבערגעלאזט און איז אוועק פון דארט. ר' חיים האט איהם פרובירט נאכצולויפן אבער ער האט איהם שוין מער נישט געטראפן.

## געלט פאר ישיבה און געלט צו באצאלן

ר' חיים וואלאזין האט געהאט א ישיבה מיט אסאך גאר חשובע תלמידים וואס ווי פארשטייט זיך דארף מען האבן אסאך געלט צו אויפהאלטן אזא ישיבה, דער גאון האט אויף גארנישט געקוקט נאר געארבעט גאר שווער צו שאפן געלט אז די תלמידים זאלן קענען זיצען אין לערנן אומגעשטערט. עס איז געקומען א צייט וואס עס זענען פארגעקומען שווערע מלחמות וואס האט פארשווערט צו שאפן געלט פאר די ישיבה, וואס האט צוגעברענגט אז ער האט נישט געהאט קיין געלט צו דערהאלטען זיין ישיבה.

איין טאג קומט צו גיין א געוויסע חשובע האר, און זאגט וויבאלד ער דארף יעצט אוועק גיין צוליב די מלחמה צייטען, און ער האט ביי זיך 800 רובל (א זייער גרויסע סכום) בעט ער אז דער ראש ישיבה זאל אכטונג געבען, און דערווייל קען עס דער ראש ישיבה ניצען. אזוי איז אריבער דריי יאר וואס דער גאון האט געקענט ניצען די געלט פאר די ישיבה. נאך דריי יאר איז דער האר צוריק געקומען בעטן די געלט, אבער ווי פארשטייט זיך אז ר' חיים האט נישט געהאט גארנישט איהם צוריק צו געבן, זאגט איהם ר' חיים ער זאל צוריק קומען מארגן נאכמיטאג ווי ער וועט האבן די געלט פאר איהם.

די זוהן פון ר' חיים פרעגט איהם 'טאטע דו האסט דאך גארנישט פון ווי ווערסטו האבן מארגן געלט'? זאגט איהם ר' חיים מיט די גרעסטע מאס רואיגקייט און בטחון געזאגט 'איך פארלאז מיר אויף השי"ת און ער וועט מיר נישט פארלאזען' און ער האט זיך טאקע גארנישט געזארגט.

קומענדיג צופרי איז אריבער געגאנגען א פריץ, און זאגט פאר ר' חיים איך ביי מיר פאפירענע געלט פון 1000 רובל, און דער ראש ישיבה קען עס נעמען און באצאלען 100 רובל א יאר, מיט א תנאי אז ער צאלט עס נישט מיט פאפירענע געלט נאר מיט גאלדענע מטבעות (פאר דער פריץ האט עס געהאט א חשיבות), אזוי האט ר' חיים געהאט געלט צו באצאלן פאר די האר.

## וויינט פאר די הצלחה פון תורה

איין צופרי בשעת דאווענן שחרית האט ר' חיים זיך גענומען וויינען גאר שטארק, בשעת קיינער פארשטייט נישט וואס עס האט פאסירט אז דער גאון דער ראש ישיבה וויינט אזוי שטארק. נאך א שטיק צייט האט דער ראש ישיבה זיך בארואיג און אויפגעהערט צו וויינען אבער עס קוים אריבער עטליכע מינוט און דער ראש ישיבה האט ווידער אויסגעבראכן אין א אויסטערלישע געוויין וואס אלע האט געהערט די קול פון זיין געוויין. די תלמידים וואס האט גוט געקענט זייער ראש ישיבה האבן פארשטאנען אז ער וויינט נישט סתם אזוי נאר עס מוז זיין א ספעציעלט סיבה פארוואס ער וויינט.

נאכן דאווענען ווען דער ראש ישיבה איז אריין אין זיין פריוואטן צימער ווי ער פלעגט אריין גיין א יעדן טאג נאכן דאווענן, האבן די תלמידים אריין געשיקט דעם נאנטן תלמיד ר' דוד טעביל אז ער זאל אריין גיין פרעגן פארוואס דער ראש ישיבה האט אויסגעבראכן אין אזא געוויין.

דער ראש ישיבה ר' חיים האט נישט געהאט חשק צו פארציילן זיינע פריוואטע זאכן פארוואס ער וויינט, דאך אבער אז די תלמידים פרעגן איהם און ווילען וויסען האט ער ער געזאגט אז ער זעהט פון הימל א סימן אז ער זאל פארציילן פארוואס ער האט געוויינט.

זאגט ר' חיים אזוי 'מיין טייער קינד וויסען זאלסטו אז עס וועט קומען א טאג אז עס די יודישקייט אין אירופה וועט זיך שטארק שאקלן, די מוסדות התורה וועלן רחמנא ליצלן וועלן חרוב ווערן, די יודישקייט אין אירופה וועט אריבער גיין שווערע צרות. די סוף וועט אבער זיין אז די אלע מוסדות התורה אין ישיבות וועל אנקומען קיין גלות אמריקה, די לעצטע פלאץ פאר משיח וועט קומען. די גלות איז אריבער 10 גליות, בבל, צפון אפריקה, מצרים, איטלי', ספרד (שפאניע), פראנקרייך, דייטשלאנד, פולין, ליטא פון דארט וועט עס גיין קיין אמעריקא די לעצטע תורה פעסטונג פאר משיח קומט.

פרעגט ר' דוד 'איך פארשטיי פארוואס דער גאון האט געוויינט די ערשטע מאל, אבער פארוואס האט מען געוויינט א צווייטע מאל?'

זאגט ר' חיים 'איך זארג מיר און האב שטארק מורה אז צוליב די אלע שווערעקייטן און שטרויכעלונגן וואס די וואס ווילן אוועק שטעלן תורה וועלן אדורך מאכן, צו דען וועלן זיי טאקע מצליח זיין צו אוועק שטעלן תורה אזוי ווי מען דארף, ווער ווייסט ווי אזוי וועט אויסזעהן תורה אין אמעריקא, דערפאר האב איך געוויינט ווייל איך זארג מיר אויף די תורה אין אמעריקא.

## אין זכות פון אויסהאלטן תורה

עס האט זיך אמאל געמאכט אז ביי ר' חיים וואלאזענער האט זיך געמאכט א שווער שאלה איבער שעטנז, ווי ער מיט נאך רבנים אין זיין צייט האט זיך שטארק געמוטשעט נישט וויסענדיג קלאר וואס צו פסקנן. איין נאכט חלומט זיך ר' חיים ווי עפעס א געוויסע יוד וואס ער האט נאך געקענט ווען ער האט נאך געלעבט, קומט צו איהם און זאגט איהם וואס די הלכה איז. ר' חיים האט געקענט דעם יוד און געוואוסט אז ער איז געווען א פשוטע יוד, ער האט נישט געקענט צופיל לערנן, דאך האט ר' חיים געזאגט אז די סיבה ווי אזוי ער האט געוואוסט וואס די הלכה איז, דאס איז וויבאלד דער יוד האט אויסגעהאלטן יודען וואס לערנן תורה זיי זאלן לערנן אומגעשטערט, דערפאר האט ער זוכה געווען אז אויבן אין הימל לערנט מען מיט איהם אלעס וואס ער האט נישט אנגעיאגט צו לערנן אויף די וועלט, וואס אזוי ארום האט ער געוואוסט די הלכה וועגן די שעטנז.

לכבוד די יום טוב שבועות קומען מיר ארויס מיט א הערליכע פארגרעסערטע גליון 'אשר בחר בנו מכל העמים' די חשיבות פון א יוד. איהר קענט נאך האבן די זכי' צו מנדב זיין
***********************
קומעדיגע וואך וועלן מיר אי"ה באשרייבן ר' דוד (דייטש) בן ר' מנחם מנדל מפראונקירכן זי"ע כ"ב סיון תקצ"א, י"ד סיון תקפ"א
צו מנדב זיין רופט 3476780652, אדער שיקט אן אימעיל צו
shabbosstory@gmail.com

# מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

**אמאל** איז דער באר מים חיים געווארען זייער קראנק און ער איז געווען נאנט צו שטארבען. אין זיין חלום האט ער געזעהן דער בעש"ט, האט דער באר מים חיים אנגעהויבען שטארק צו וויינען אז דער בעש"ט זאל דאווענען פאר איהם צו זיין געזונט. האט דער בעש"ט איהם געפרעגט וועלכע זכות האסטו אז איך זאל דיך ראטעווען? האט דער באר מים חיים געזאגט 'אז זיין רבי דער מגיד פון זלאטשוב, האט זיך געפירט צו רעדען פון דער בעש"ט ביי סעודה שלישית. איינמאל איז דער מגיד פון זלאטשוב געווען פארטיפט אין זיינע הייליגע ענינים, און ער האט פארגעסען צו רעדען פון דער בעש"ט, און ער איז זיך געגאנגען וואשען מים אחרונים צו בענטשען. דערווייל האב איך איהם דערמאנט אז מען האט נאכנישט גערעדט פון דער בעש"ט, און ער האט טאקע גערעדט פון איהם. האט דער בעש"ט געזאגט 'אויב אזוי ווערסטו האבען א רפואה שלמה, און אזוי איז טאקע געווען'.